**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## נאכפאלגענדיג צוויי-יעריגע איבערזיכט, גאווערנער האקול געט ארויס ענדגילטיגע אינטער-אגענטור עקסטרעמע היץ שריט פלאן

## אינטער-אגענטור פלאן שטיפט פאראויס גאווערנער'ס סטעיט פון די סטעיט אנווייזונג צו אדרעסירן עקסטרעמע היץ ווירקונגען אויף פארנאכלעזיגטע געמיינדעס און ניו יארקער מיט פארמערטע ריזקע פון שעדליכע געזונטהייט ווירקונגען

## סטעיט אגענטורן שוין איינגעפירט געוויסע רעקאמענדאציעס אין פאראויס פון לעצטע וואך'ס עקסטרעמע היץ פאסירונג

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס ארויסגעבן פון די סטעיט'ס עקסטרעמע היץ שריט פלאן, אויספילענדיג א 2022 סטעיט פון די סטעיט פארפליכטונג צו העלפן פלאנען פאר און אדרעסירן די געפארן און ווירקונגען פון עקסטרעמע היץ אויף ניו יארקער, ספּיציעל די אין פארנאכלעזיגטע געמיינדעס וואס זענען מערסט געאיינינגט צו שפירן די שעדליכע געזונטהייט ווירקונגען פון עקסטרעמע היצן. אנטוויקלונג פון די פלאן, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון ענווייראמענטאלע קאנסערוואציע (New York State Department of Environmental Conservation) און ניו יארק סטאַטע ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אוטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), פאקוסירט אויף אויסארבעטן מיטארבעט צווישן אגענטורן און העלפן פארגרינגערן לאקאלע אפעקטן פון די שטייגנדע אפטע און שווערע עקסטרעמע היץ געשעענישן, און צו פארזיכערן אז פריאריטעט הילף פון מערערע אגענטור אינוועסטירונגען ווערט באשטימט פאר נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס אויפ'ן פארנט ליניע פון היץ אויסגעשטעלטקייט.

"ווי ניו יארקער האבן מיטגעהאלטן די פארגאנגענע וואך, עקסטרעמע היץ וועטער פאסירונגען וועט נאר שטייגן מיט קלימאט טויש שטעלענדיג אין געפאר די לעבנס און פרנסה פון פילע ניו יארקער, ספּיציעך די אין פארנאכלעזיגטע געמיינדעס און געמיינדעס פון קאליר," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די מולטי-אגענטור עקסטרעמע היץ שריט פלאן העלפט אדרעסירן א פולע ספעקטרום פון היץ אויסגעשטעלטקייט און ריזיקעס, און בויט אויף אונזער אנגייענדע עפארטן צו שיצן אונזער מערסט אויסגעשטעלטע איינוואוינער."

אין 2022, גאווערנער האקול האט אנגעוויזן די דיפארטמענט פון ענווייראמענטאלע קאנסערוואציע (DEC) און ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אוטאריטעט (NYSERDA) צו אנטוויקלען די עקסטרעמע היץ שריט פלאן (Extreme Heat Action Plan, EHAP) אין אנטווארט צו די שטייגענדע אפטקייט און שטארקייט פון עקסטרעמע וועטער פאסירונגען פאראורזאכט דורך קלימאט טויש. די EHAP ארבעט גרופע האט צאמגעזעצט מער ווי 25 סטעיט אגענטורן צו ארבעטן צוזאמען מיט געמיינדע מיטארבעטע, פלאנירער, צופאסונג אויספירער, לאקאלע גאווערמענט פירער און אקאדעמישע עקספערטן אויף יעצטיגע און לאנג-טערמיגע שריט וואס אדרעסירן אויסגעשטעלטקייט צו עקסטרעמע היץ, מיט א פאקוס אויף אוועקנעמען אומגלייכקייטן אין פארנאכלעזיגטע געמיינדעס. צו העלפן

פארזיכערן די פלאן איז באַוויז-באַזירט און טוט פּריאָריטיזירן גלייכע צופּאַסונג, DEC און NYSERDA האָבן צאַמגעזעצט אַ געמיינדע בראַטונג פּאַנעל און אַ סייענטיפישע באַראַטונג פּאַנעל צו אַריינגרענגן די פּערספּעקטן פון אַפעקטירטע געמיינדעס און אַקאַדעמיע.

**דיפּאַרטמענט פון אינוואַרמענטאַלע קאנסערוואַציע צייטווייליגע קאָמיסיאָנער סיען מאַהאַר האַט געזאָגט,** "קלימאַט טויש טוט נישט נאָר ווירקן אויפן ענוויראָמענט, נאָר טוט אויך צוגעבן צו שווערע פּובליק געזונטהייט ווירקונגען, ספּיציעל אין געמיינדעס היסטאָריש איבערגעשטרענגט דורך ענוויראָמענטאַלע פאַלושען. אינטער די אַנווייזונגען פון גאָווערנער האָקול, DEC האָט געאַרבעט מיט NYSERDA און צענדליגע סטעיט אַגענטורן און אויפגענומען סטעיקהאָלדערס צו אַנטוויקלען עקסטרעמע היץ סטראַטעגיעס און לעזונגען. מיט די עקסטרעמע היץ שריט פּלאַן, די DEC קוקט אַרויס צו מיטאַרבעטען מיט אונזער לאָקאַלע און סטעיט מיטאַרבעטער, די לעגיסלאַטור, און אַנדערע שליסל סטעיקהאָלדערס צו ווייטער אַדרעסירן עקסטרעמע היץ און די קלימאַט קריזיס ווען צו די זעלבע צייט אידענטיפיצירן סטראַטעגיעס צו האַלטן ניו יאָרקער זיכער און געזונט."

**NYSERDA פּרעזידענט און CEO דאָרין מ. העריס האָט געזאָגט,** "די עקסטרעמע היץ שריט פּלאַן ווייזט אַז דורך סטראַטעגישע מיטאַרבעט, ניו יאָרק קען מאַכן מער רעסאָרסן פאַרהאַנען צו אויסגעזעטלטע ניו יאָרקער אַפעקטירט דורך די שטייגענדע נומער פון אומאויסהאַלטבאַרער הייסע טעג צוליב קלימאַט טויש. NYSERDA איז געווען שטאָלץ צו אַרבעט צוזאַמען מיט דיפּאַרטמענט פון ענוויראָמענטאַלע קאַנזערוואַציע און אַנדערע שוועסטער אַגענטורן אויף אַנטוויקלען די גאָווערנער'ס אינטעראַגענטור שריט פּלאַן צו פאַרזיכערן וועגן פאַר פאַרמערטע געמיינדע שטאַנדהאַפטיגקייט און צוטריט צו אָפּקילונג צענטערן ווען פאַרמינערן קאָסטן פון ענערגיע און אָפּקילונג געצייג, ספּיציעל אין אינטערגעדינטע געגענטער."

די EHAP טוט אידענטיפיצירן 49 סטעיט-געפירטע שריט און רעקאָמענדאַציעס צו אַדרעסירן די סטורוקטואַלע טרייבער פון היץ אויסגעשטעלטקייט און איר אומגלייכע ווירקונג אויף די מערסט אויסגעשטעלט ניו יאָרקער. פּאָפּולאַציעס אידענטיפיצירט אין די פּלאַן אַלץ די מערט אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע היצן נעמען אַריין איינוואוינער מיט נידריג איינקונפט און געמיינדעס פון קאָליר, אינדידשיניעס מענטשן, געוויסע אינדאָר און אָוטדאָר אַרבעטער, עלטערע ערוואַקסענע און יונגע קינדער, שוואַנגעריגע מאַמעס, מענטשן מיט געוויסע פון פאַראויס עקזיסטירענדע קאַנדישען'ס אַ שטייגער ווי דיאַביטיס און האַרץ קראַנקהייט, מענטשן מיט באַגרעניצן, באַנוצער פון געוויסע דראַגס און מעדיקאַציעס, גערעכטיגקייט פאַרבינדענע אינדיווידואַלן, אימיגראַנטען, מענטשן אויסגעשטעלט צו שפּראַך באַצוימונגען און מענטשן וואָס גיין אַריבער וואוינונג אומזיכערהייט.

די פּלאַן טוט פּריאָריטיזירן אייניגקייט און צופּאַסונג דורך פאַראויס שטיפן לעזונגען וואָס שטעלן צו טעכנישע הילף צו לאָקאַלע געמיינדעס, נוצענדיג איינפירונג פון נאַטור באַזירטע לעזונגען צו אַדרעסירן אומאייניגקייטן און פאַרמינערן די אַרבאַן היץ אינזעל אַפעקט און פאַרבעסערן אייניגע צוטריט צו אָפּקילונג אינדערהיים און אין פּובליק פּלעצער. די פּלאַן קען געפונען ווערן אויף DEC'ס עקסטרעמע היץ וועבזייטל [דאַ].

רעקאָמענדאַציעס זענען צאַמגעשטעלט אין פיר שריט טרעקס צו העלפן געמיינדעס צופּאַסן צו עקסטרעמע היצן:

- **שריט טרעק 1 צופּאַסונג פּלאַנירונג און איינפירונג** שטיצט געמיינדעס אין זייער אַרבעט-פּלאַנירונד פאַר עקסטרעמע היץ ווירקונגען און אין קאָאָרדינירן צופּאַסיונג אַקטיוויטעטן. די טרעק צילט צו פאַרשטערקערן לאָקאַלע געמיינדעס צו אייניג צופּאַסן דורכן פאַרשטערקערן, פּראַמאָטירן און שטיצן אַ געמיינדעס קאַפּאַציטעט, אָדער קענטעניש, צו אַדרעסירן געזונטהייט און ענוויראָמענטאַלע פּראָבלעמען. דעס איז עררייכט דורך שטיצע פון נאָך ראַיאָנישע פּלאַנירונג

און קאארדינאציע, אנטוויקלען ראיאנישע געמיינדע שטאנדהאפטיגקייט נעטווארקס און פארשטערקערענדיג צוזאמארבעט מיט פראנט ליניע געמיינדעס, שולע, אינדישעניאס מענטשן און אנדערע אפעקטירטע פאפולאציעס, צווישען אנדערע.

- **שריט טרעק 2: צוגעגרייטקייט, קאמוניקאציע און ארבעטער'ס זיכערקייט** פארזיכערט אז די מענטשן פון ניו יארק זענען אינפארמירט און באשיצט פאר און בשעת היץ פאסירונגען, אריינגערעכנט ארבעטער. די טרעק טוט פראמאטירן א געמיינדע'ס גאנצע געזונט און שטאנדהאפטיגקייט דורך שריט וואס רעכנען אריין די צוגאבדיגע אנטוויקלונג פון לאקאלע און ראיאנישע היץ ערמעדשענסי פלענער, פארמערטע צוטריט צו אפקילונג צענטערן, זיכערע שווימען, עמערדשענסי שעלטערס און קלארער פובליק מעסעדשינג, צווישען אנדערע מאסנאמען.
- **שריט טרעק 3: געבויטע ענווייראמענט, אינפראסטרוקטאר און אנגעפירטע פלעצער** שטיצט שטאנדהאפטיג און זיכערע אינפראסטרוקטארן און אנדערע געבויטע ערטער. די ציל פון די טרעק איז צו שאפן געבויטע ענוויראמענטן און פארשטערקערן געמיינדע לעבענסלינע אינפראסטרוקטארן וואס קענען צושטעלן פארלייכטערונג פון הויכע טעמפעראטורן און קעמפן די ארבאן היץ אינזעל אפעקט. די שריט שטיצט פריאריטיזירן אייניגע צוטריט צו אינדאר און אוטדאר טערמאלע באקוועמקייט א שטייגער ווי פארמינערן קאסטן פון ענערגיע און אפקילונג געצייג, און פראמאטירן טערמאלע שטאנדהאפטיגקייט, וועטערזאציע און דיקארבאנאזאציע פון געביידעס, צווישען אנדערע שריט.
- **שריט טרעק 4: עקא-סיסטעם באזירטע צופאסונג** פריאריטיזירט צופאסונג צו היץ דורך שיצן און פארשטערקערן עקא-סיסטעם סערוויס בענעפיטן און פאראויס שטיפן נאטור-באזירטע לעזונגען די שריט טוט באשיצן און אפהיטן עקא-סיסטעמען, ביאדיווערסיטי און העלפט פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו און אייניג בענעפיטירן פון די לעבן-אויסהאלטענדער בענעפיטן. שריט שטיצן ארבאן און געמיינדע וואלדעריי, אנטוויקלען בעסטע מיטלען פאר מאקסימיזירן עקא-סיסטעם און געמיינדע צופאסונג בענעפיטן פון גרינע אינפראסטרוקטאר, און פאנדן די טרענירונג פון אבאריסטס, וואלד ארבעטער און אנדערע צו פארגרעסערן די פראדוקציע פון היץ-צוגעפאסטעביימער און קערענדלעך.

איינפירונג פון די פלאן נעמט אריין עפעקטיווע קאמיוניקאציע, קאארדינאציע און צוזאמארבעט צווישען פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע מיטארבעטער. סטעיט אגענטורן און אוטאריטעטן וואס נעמען אנטייל אין די EHAP ארבעט גרופע שטעלן אוועק אן איינפיקונג קאמיטע וואס וועט זיך טרעפן רעגעלמעסיג צו קאארדינירן איינפירונג און שטיצן סטעיט אגענטורן און אוטאריטעטן, אזוי אויך צובאקומען, באהאנדלען און אריינפירן פובליק רעאקציעס אויף אן אנגייענדע באזיס.

DEC און NYSERDA וועלן איפהאלטן צוויי וועבינארס צו פרעזענטירן און באקומען פראגעס איבער די די עקסטרעמע היץ שריט פלאן אויף [יולי 9 פון 2 צו 3 נאכמיטאג]() און [יולי 10 פון 6 ביז 7 נאכמיטאג]() די וועבינארס וועלן אריינרעכענען פרעזענטאציעס פון DEC און NYSERDA, צוזאמען מיט אנערע סטעיט אגענטורן אריינגערעכנט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס און די סטעיט דיפארטמענט פון געזונטהייט, וואס טוהן אינטערשטריכן די פלאן און שטעלן צו נאך אינפארמאציע איבער רעלעוואנטע סטעיט טינציאטיוון און היץ-געזונטהייט עפארטן.

די פובליק וועט האבן אנגייענדע געלעגנהייטן צו צושטעלן מיינונגען אויף די די עקסטרעמע היץ שריט פלאן. פאר נאך אינפארמאציע, באזוכט [DEC's וועבזייטל]().

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמיסיאנער דשעקי ברעי**
**האט געזאגט,** "לעצטע וואך, ניו יארק האט געזעהן אפאר נאכאנאנדע טעג פון די עקסטרעמע היץ און אונז ערווארטן געהעריג אז דאס וועט יעצט ווערן די נארמע דורכאויס זומער. גאווערנער האקול האט

געטראכט פאראויס אין אנווייזן די שאפונג פון דעם פלאן און אונזער עמערדשענסי אפעראציעס טוהן שוין איינפירן איר רעקאמענדאציעס. די עקסטרעמע היץ איז די נומער איינס וועטער פארבינדענע אורזאך פון טויט אין די פאראייניגטע שטאטן און עס איז קריטיש אז מענטשן הייבן אן נעמען שריט צו גרייטן פאר איר ווירקונגען פונקט ווי זיי גרייטן זיך פאר אנדערע עמערדשענסיס ווי האריקעינס, פארפלייצונג און ווינטער שטורעמען."

**סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר דשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "עקסטרעמע היץ פאסירונגען ווערן א מער אפטע ריאליטעט ווען אונז זענען אויסגעשטעלט צו די שטייגענדע ווירקונגען פון קלימאט טויש און איר אפעקטירונגען אויף די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער. גאווערנער האקול'ס אינטער-אגענטור צוגאנג וועט שטיצן אונזער לאקאלע געמיינדעס און פארמינערן די נעגאטיווע געזונטהייט ווירקונגען פון געפארפולע הויכע טעמעראטורן, ספּיציעל צווישן אויסגעשטעלטע פאפולאציעס. איך וויל אלע ניו יארקער זאלן דעם נעמען ערנסט און פארשטיין אז עס איז נישט נאר די היץ, עס איז אויך די יומידיטי און וועל עקסטרעמע היץ קומט אן צו אונזער סטעיט, ביטע קוקט ארויס פאר אונזער באראטונגען, פאלגט אונז נאך אויף סאושעל מידיע, קוקט נאך אייער היץ און לופט קוואליטעט אינדעקסעס און מער פון אלעם בלייבט אפגעקילט, טרינקט אסאך און האלט אן אויג אויף אייער אויסגעשטעלטע פריינט, פאמיליעס און שכנים."

ניו יארק סטעיט נעמט נאך שריט צו אדרעסירן עקסטרעמע היץ ווי צוגעשטעלט אין די ציַיטווייליגע רעקאמענדאציעס, ארויסגעגעבן אין יוני 2022. די שריט האבן פאקוסירט אויף שנעלע איינפירונג צו אדרעסירן ערנסטע נויטקייטן ווען די EHAP ארבעט גרופע האט אנטוויקלעט די לענגערע טערמין קאארדינירטע עפארטן וואס פאקוסירן אויף פארמינערען עקסטרעמע היץ און די סיסטעמאטישע אומגלייכקייט וואס טוהן פארערגערן איר אפעקטען. DEC איז אויך אין די לעצטע שטאפלן פון פארהאנדלען א מעמאראנדום פון פארשטאנד מיט א פארש טיעם אין די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק קאלעדש פון ענוויראמענטאלע וויסענשאפט און וואלדעריי ( New York College of Environmental Science and Forestry) צו אנטוויקלן מאפעס פון היץ אויסגעשטעלטקייט דורכאויס ניו יארק סטעיט און געצייג צו מאדעלן די ווירקונגען פון לאנד-באנוץ טויש און היץ-פארמינערונג פראיעקטן אינטער יעצטיגע און צוקונפטיגע קלימאט באדינגונגען.

די פלאן געט אויך צו צו די אנגייענדע קאארדינירטע סטעיט אנטווארט צו עקסטרעמע-היץ עמערדשענסיס אנגעפירט דורך די DHSES. DHSES איז א מעמבער פון די EHAP ארבעט גרופע און אין יוני 2023 האט ארויסגעגעבן א עקסטרעמע היץ-ספעציפישע אנעקס צו די סטעיט ברייטע עמערדשענסי באהאנדלונג פלאן.

מיט די ווארשיינליכקייט פון אנגייענדע עקסטרעמע היץ דעם זימער, ניו יארק סטעיט אגענטורן בלייבן אויך פארפליכטעט און גרייט צו העלפן ניו יארקער זיך גרייטן פאר היץ ווירקונגען. גאווערנער האקול האט לעצטנס געמוטיגט די פובליע צו אויספאלגן א טוץ פון שריט און טיפּס צו העלפן פארמינערן און צוריקהאלטן טויטליכע היץ אויסגעשטעלטקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן